WRHS | American Jewish Archives

# Abba Hillel Silver Collection Digitization Project

Featuring collections from the Western Reserve Historical Society and
The Jacob Rader Marcus Center of the American Jewish Archives

**MS-4787: Abba Hillel Silver Papers, 1902-1989.**
Series I: General Correspondence, 1914-1969, undated.
Sub-series A: Alphabetical, 1914-1965, undated.

| Reel | Box | Folder |
|---|---|---|
| 21 | 7 | 475 |

Centre de Documentation Juive Contemporaine, 1955.

**Western Reserve Historical Society**
10825 East Boulevard, Cleveland, Ohio 44106
(216) 721-5722
wrhs.org

**American Jewish Archives**
3101 Clifton Avenue, Cincinnati, Ohio 45220
(513) 487-3000
AmericanJewishArchives.org

Centre de Documentation Juive Contemporaine

SÉCRÉTARIAT GÉNÉRAL :
27, Rue Guénégaud,
PARIS (6e)

Téléphone : ODÉ 87-14 et 87-20
Compte Chèques Postaux Paris 5459 90

COMITÉ D'HONNEUR :
Président : M. Justin GODART, ancien Ministre.

MEMBRES :
MM. René CASSIN, Vice-Président du Conseil d'Etat ;
Yvon DELBOS, Député, ancien Ministre ;
Georges DUHAMEL, de l'Académie Française ;
Edgar FAURE, Député, ancien Président du Conseil des Ministres ;
Francisque GAY, ancien Ministre ;
Jean-Raymond GUYON, Député, Président de la Commission des Finances ;
Léon JOUHAUX, Président du Conseil Economique, Prix Nobel ;
Louis JOXE, Ambassadeur de France ;
Louis MARTIN-CHAUFFIER, Homme de Lettres ;
Daniel MAYER, Député, ancien Ministre ;
François de MENTHON, Député, ancien Ministre ;
Marius MOUTET, Sénateur, ancien Ministre ;
André PHILIP, Député, ancien Ministre ;
Robert SCHUMAN, Député, ancien Ministre.

מר דר. ר'אבא הלל סילווער,
קלעווועלאנד.

פאריז, דעם 21-טן אקטאבער 1955.

כבוד הרה"ג שאין גומרים עליו את ההלל,
מר דר. ר' אבא הלל סילווער,

רב מאד נכבד,

עס איז שוין אריבער א יאָר, ווען איך האב געהאט דעם כבוד אייך באזוכן.

ביי מיר זענען געבליבן די בעסטע און די טיפֿסטע זכרונות פון מיין באגעגענען מיט אייך און פון אייער סימפּאַטיע און הילף, וואס איר האט ארויסגעוויזן צו אונזער פּראָיעקט פון דענקמאל אין פאריז.

און דאס גיט מיר דעם מוט זיך צו ווענדן צו אייך וועגן דעם פאָלגנדיקן וויכטיקן ענין:

עס איז שוין אריבער 10 יאר, וואס מ'איז באפרייט געווארן פון די נאציס און פון היטלערן י"ש, און מיר האבן אנגענומען א באשלוס ארויסצוגעבן א בוך, אונטערן טיטול:

"DIX ANS APRES LA CHUTE D'HITLER"

"צען יאָר נאָך היטלערס מפלה".

נ א ָ ך דעם זיג פון 1945 איבער די נאַציס, איז געווען - ביי דער גאנצער וועלט בכלל, און ביי יידן בפרט - גרויסע תקוות: נאך אזא מין סאָרט גרויסער קאַטאַסטראָפע און חורבן, האט מען גערעכנט, אז עס וועט זיין אַן ענדערונג אין דער באציאונג צו יידן; די אנטיסעמיטן וועלן פארשטיין צו וואס ברענגט דער ראַסיזם, דיקטאַטור און פאַשיזם. פון אלע פעלקער פון איירָאפּע, וואס האבן אזוי פיל געליטן פון די נאַציס, האט יעדעס פאלק געהאָפט אויף גרויסע שנויים.

אבער וואס פאר א גרויסע אנטוישונג איז געווען די רעאַליטעט!..

די מלחמה-פארברעכער זענען כמעט אלע באפרייט געווארן; דייטשלאנד שטעלט זיך אויף, און פון טאָג צו טאָג ווערט זי שטארקער, און אירע אמאליקע שונאים גיבן איר אי געוועהר אי געלט, און העלפן איר אין איר אויפבוי. דער אנטיסעמיטיזם עקזיסטירט ווי פריער און האט אנגענומען גאר אנדערע פאָרמען.

אין דער זעלבער צייט: די גרויסע היסטאָרישע נאַציאָנאַלע דערשיינונג - מדינת-ישראל!.. די יידישע געמיינדעס, וואס זענען געבליבן, בויען זיך אויף אויפסניי; דאס נאציאנאל-קולטורעלע לעבן ביי יידן גייט מיט זיין שטראָם.

איינע פון די גרעסטע אנטוישונגען איז אז: יידן האבן נ י ט פארגעסן עמלקן, וואס האט געלעבט מיט פיל טויזנטער יאָרן צוריק, און האבן פארגעסן היטלען וואס מיט צען יאָר צוריק האט ער נאך געלעבט.

אין ד ע ם ווערק באטייליקן זיך א גרויסע צאָל שרייבער, היסטאָריקער, וויסנשאַפטלער, און בכלל געזעלשאַפטלעכע טוער.

..../...

פון יעדער מדינה וועט זיין פארגעשטעלט א דין-וחשבון, וו אַ ס עס איז פאר-
געקומען פאר די 10 יאָר, אי פּאָזיטיווע אי נעגאַטיווע פאַקטן.

די גרויסע יידישע ארגאניזאציעס, ווי: דער "דזשאָינט", "אַמעריקען דזשואיש
קאָמיטי", "אַליאַנס" און אנדערע — באטייליקן זיך אין אונזער בוך, געבנדיק א
באריכט פון זייער ארבעט, יעדע אין איר ספעציאליטעט.

פון דער ליסטע, וואס איך לייג אייך דא בײַ, וועט איר זען די טעמעס, און
אויך די ארגאניזאציעס און פערזענלעכקייטן, וואס נעמען אנטייל אין דער געמיינ-
זאַמער ארבעט.

איך דערלויב מיר זיך צו ווענדן צו אייך און אייך בעטן, אז איר זאלט אונז
אנטאן דעם גרויסן כבוד און באטייליקן זיך אין דעם ווערק מיט אַן ארטיקל
אויף א טעמע, לויט אייער אויסוואַל, און אין די ראַמען פון דער תקופה: 1945-1955.

עס האנדלט זיך וועגן אַן ארטיקל פון 8 אדער 10 זייטן דאַקטילאָגראַפירטע און
געשריבן אין ענגליש.

דאס אמעריקאנער יידנטום האט באוויזן אַן אויסערגעוויינטלעכע אקטיוויטעט
צו ראטעווען די שארית-הפליטה; זי האט א סך משפיע געווען אויף דער גאנצער וועלט
אין פּאָליטישן זין. און אויב דאס יידנטום פון גאנץ אייראפע האט געקענט צוריק
אויפבויען זיך — איז דאס געווען אויסשליסלעך א דאנק דעם אמעריקאנער יידנטום,

און ווער שמועסט, די גרויסע דערשיינונג פון מדינת-ישראל!.. דאס איז
אויך געווען, אין א גרויסער מאָס, די ארבעט פון אמעריקע.

א י ר, מיט אייער גרויסער אויטאָריטעט, מיט אייער גרויסער פערזענלעכקייט
— זענט געשטאנען אין דער שפיץ פון אט דער קאָלאָסאַלער אקטיוויטעט, און איר
זענט איינער פון די, וואס האבן געטראגן אויף זייערע פלייצעס די ישועה און
נחמה צו יידן.

א י ר  ק ע נ ט  זאָגן!.. און איר האט וו א ס צו זאגן וועגן דער
גאנצער תקופה, און אייער ארטיקל וועט האבן זייער א גרויסע היסטאָרישע וויכטי-
קייט.

דאס דאזיקע בוך וועט האבן זייער א גרויסע היסטאָרישע באדייטונג, און שוין
ביי היינטיקן טאָג - פראפ. רענע קאַסטען, דער פרעזידענט פון "אַליאַנס" - האט
אויף זיך גענומען שרייבן די הקדמה און געבן די סינטעז; אזוי אויך פראפ. עד-
מאָנד ווערמעיל, פראָפעסאָר פון דער סאָרבאָנע - איינער פון די גרעסטע וועלט-
געלערנטע א.א.וו...

תקוותי, אז איר וועט זיין מוסכם אויף אונזער ביטע, און מיר וועלן אייך
בעטן, איר זאלט אונז שרייבן, וועלכע איז אייער טעמע. און דעם טעקסט דארפן מיר
האבן ענדע נאָוועמבער, אדער אנהויב דעצעמבער.

איך דאנק אייך אין פארויס ומראש אגיש לך את תודתי העמוקה

ואומר לך שלום וברכה!

ברגשי כבוד ויקר

יצחק שניאורסאָן.

WRHS
AMERICAN JEWISH ARCHIVES